# LOMIR ALE ZINGEN A ZEMERL-לאָמיר אַלע זינגען -

Lomir ale zingen a zemerl , a zemerl
lekhem is broyt
Bosor vedogim vekhol matamim.

לאָמיר אַלע זינגען אַ זמרל, אַ זמרל
לחם איז ברויט,
בשר ודגים וכל מטעמים

-Zog zhe mir, rebenyu, lekhem is vos?
Bay di negidim is lekhem an  oysgebakte bulkele !
Ober bay undz kabtsonim, oy,
kabtsonim, oy,  iz lekhem
An oysgedarte skorinke, nebekh.

- זאָג זשע  מיר,רעבעניו, לחם איז וואָס ?
בײַ די נגידים איז לחם
אַן אויסגעבאַקטע  בולקעלע!
אָבער בײַ אונדז קבצנים, אוי קבצנים, אוי
קבצנים ,איז לחם
אַן אויסגעדאַרטע סקאָרינקע, נעבעך

Lomir ale zingen a zemerl
Lomir ale zingen a zemerl tsu got

לאָמיר אַלע זינגען אַ זמרל, אַ זמרל,
לאָמיר אַלע זינגען אַ זמרל צו גאָט.

Zog zhe mir, rebenyu, dogim is vos?
Bay di  negidim iz dogim a tsapeldik hekhtele !
Ober bay undz kabtsonim, oy kabtsonim,
Iz dogim an oysgeveykt heringl, nebekh.

-זאָג זשע, מיר, רעבעניו,דגים איז וואָס?
בײַ די נגידים איז דגים אַ צאַפּלדיק
העכטעלע !
אָבער בײַ אונדז קבצנים,אוי, קבצנים,
איז דגים אַן אויסגעווייקט  הערינגל,
נעבעך.

Lomir ale zingen a zemerl
Lomir ale zingen a zemerl tsu got

לאָמיר אַלע זינגען אַ זמרל, אַ זמרל,
לאָמיר אַלע זינגען אַ זמרל צו גאָט

-Zog zhe mir, rebenyu, bosor is vos?
Bay di negidim iz bosor a oysgebrotene katshkele,
un bay di kabtsonim, oy dalfonim,
Iz bosor a lung und a leberl, nebekh.

-זאָג זשע, מיר, רעבעניו , בשר איז וואָס ?
בײַ די נגידים
איז בשר אַן אויגעבראָטענע קאַטשקעלע
אָבער בײַ אונדז קבצנים,אוי,דלפונים,
איז בשר אַ לונג און אַ לעבערל, נעבעך...

Lomir ale zingen..

לאָמיר אַלע זינגען..

Zog zhe mir rebenyu,
leekhol matamim is vos?

-זאָג זשע, מיר, רעבעניו,
לאכל מטעמים איז וואָס?

Bay di negidim iz leekhol matamim
a geshmaker tzimesel,
un bay di kabtsonim, oy kabtsonim,
Iz  leekhol matamim gehakte tsores,
nebekh…

בײַ די נגידים איז לאכל מטעמים
אַ געשמאַקטער צימעסל,
אָבער בײַ אונדז קבצנים ,אוי, קבצנים,
איז לאכל מטעמים געהאַקטע צרות,
נעבעך..

VARIANTE

-Un bay undz, oreme kabtsonim,
iz bosor a dare kishke.
-Dos iz bosor
Zog zhe mir, tatinke, vos iz dogim?
-Bay di groyse gevirim iz dogim a hekht,
un bay undz ,oreme kabtsonim,
iz dogim a gevianzelter hering.
-Dos iz dogim
-Zog zhe mir tatinke,
vos iz mataamim?
-Bay di groyse gevirim iz mataamim kompot ,un bay undz oreme kabtsonim
iz mataamim gehakte tsores.
-Dos iz mataamim

-און בײַ אונז, אָרעמע קבצנים ,
איז בשר אַ דאַרע קישקע.
- דאָס איז בשר
זאָג זשע מיר, טאַטינקע, וואָס איז דגים ?
-בײַ אונדז, די גרויסע גבירים איז דגים אַ העכט,
און בײַ אונדז אָרעמע קבצנים ,
איז דגים אַ געוויִאַנזעלטער הערינג.
דאָס איז דגים
-זאָג זשע מיר טאַטינקע,
וואָס איז מטעמים ?
-בײַ די גרויסע גבירים איז מטעמים קאָמפּאָט.
און בײַ אונדז אָרעמע קבצנים
איז מטעמים געהאַקטע צרות.
-דאָס איז מטעמים